Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראָשען

היינט 8 זייטען.

# נייער פאָלקסבלאַט

Nr. 229/1524 | Łódź, Wtorek, 2 października 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, יח תשרי תרפ"ט | Nr. 229/1524

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

# סיים=מאַרשאַלעק פערמיטעלט

## ביים שאַפען א רעגירונגס=מעהרהייט אין סיים.

וואַרשאַ, 1 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) ביים סיים־מאַרשאַלעק דאַשינסקי איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די פּרעזעסן פון די סיים־קלובען.

דער סיים־מאַרשאַלעק האָט אין זיין רעדע אַרויסגערוקט די פּונקטען: 1) מ'זאָל שאַפען אַ מעהרהייט פאַר די פּלענער און פּראָיעקטען פון דער איצטיגער רעגירונג פון פּאַל צו פּאַל; 2) בעת די ביודזשעט־קאָמיסיע וועט אַרבייטען זאָלען אויך פאָרקומען זיצונגען פון סיים, כּדי דער ביודזשעט זאָל וואָס שנעלער ערלעדיגט ווערען; 3) עס זאָל געמאַכט ווערען אַ סדר פון די רעפּוטאַטען־פאָרשלאַגען, וועלכע דאַרפען ערלעדיגט ווערען אויף דער נאָהענטסטער סעסיע פון סיים. ווייטער האָט דער מאַרשאַלעק אָנגעוויזען, אַז די צאָהל אינטערפּעלאַציעס איז צו גרויס און דער אופן פון אַריינטראָגען אינטערפּעלאַציעס זאָל געענדערט ווערען אויפ'ן ענגלישען אָדער דייטשען אופן, עס זאָלען אַריינגעטראָגען ווערען קורצע אָנפראַגען, אָדער די אָנפראַגען זאָלען פערשריבען ווערען אין אַ בוך.

עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָט אַנטיילגענומען רעפּ. סלאַוועק און רעפּ. מאַרעק פון פּ.פּ.ס. דער לעצטער האָט אָנגעוויזען, אַז דער סיים־מאַרשאַלעק האָט זיין איניציאַטיווע אָנגעהויבען אָהן דער פערשטענדיגונג מיט פּ.פּ.ס. און די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טראָגט דערפאַר נישט קיין אַחריות. די פּ.פּ.ס. איז אָבער נישט געגען דער אַקציע פון סיים־מאַרשאַלעק ווען עס האַנדעלט זיך וועגען טעכנישע פערלייכטערונגען פון דער סיים־אַרבייט.

רעפּ. גרינבוים האָט פאָרגעלעגט, אַז די רעפּוטאַטען זאָלען שוין אַריינטראָגען זייערע פאָרשלאַגען, וועלכע דאַרפען בעטראַכט ווערען אויף דער נאָהענטסטער סעסיע, דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. די צווייטע בעראַטונג פון די פּרעזעסען פון די סיים־קלובען וועט פאָרקומען דעם 16־טען ה. ח.

**ציהונג פון דער 17. מלוכה=לאָטעריע**

5־טע קלאַס 22־טער טאָג.

10.000 זל. נומער 135445.

5.000 זל. נומער 27518.

3.000 זל. נומערן 36627 88106.

2.000 זל. נומערן 7803 31318 50245 58699 65021 74558 90866 90936 112501 133506.

1.000 זל. נומערן 372 4059 4969 5088 10437 10592 13830 13848 15871 48303 51200.

600 זל. נומערן 13367 13384 21871 27509 33537 34941 38640 45656 47206 52357 57152 60100 72126 84444 97192 106215 114063 122245 126909 127460 132880 136581 143090 152397.

די בעוואוסטע יודישע שאָקאָלאַדע=פאַבריק אין לאדז „ZŁOTY RAJ"

אינהאבער: ש. האַלפּערן.

ווינשט די נעהרטע קונדשאַפט — אַ גמר חתימה טובה און אַ זיס יאהר

פּעדקויפס־שטעלען: זשוסבאַדניאַ 50, צגעלניאַנאַ 26 און זאוואַדזקאַ 11.

אגודה=פראַקציע ביי דער לאדזער יודישער קהלה

היינט, דינסטאג, דעם צווייטען טאָג חוהמ"ס (דעם 2־טען אָקטאָבער ד. י.), 7 אַ זייגער אין אָוונט ארדענט איין די אגודה=פראַקציע ביי דער לאדזער יודישער קהלה

אין זאַל „קאַלאָסעאום", זאַכאָדניאַ 53

זאַל „קאַלאָסעאום" 53 זאַכאָדניאַ 53.

אַ גראַנדיעזע אינטערעסאַנטע בעריכטס=פערזאַמלונג -- מיט -- דיסקוסיעס

א.ד.ט. „5 חדשים טעטיגקייט פון דער אגודה=מעהרהייט אין דער יודישער קהלה".

דעם הויפּט רעפעראַט וועט האַלטען דער פערדינסטפולער פערוואַלטונגס פרעזעס ר' לייבל מינצבערג.

אַלע יודישע בירגער פון דער שטאָט לאָדז בכלל און די אגודה־חברים בפרט, ווערען געבעטען אַנטייל צו נעהמען אין דער פערזאַמלונג און צו בעקענען זיך מיט דעם רייכען טעטיגקייטס־בילאַנס פון אונזער נוצליכער און מיה־פולער אַרבייט אין דער לאָדזער קהלה לטובת די אינטערעסען פון יודישען כלל אין אונזער שטאָט.

איינגאַנג נור מיט איינלאַדונג. אַלע בירגערליכע פראַקציעס זענען בעזונדער ספּעציעל איינגעלאַדענט געוואָרען אַנטייל צונעהמען אין די דיסקוסיעס. איינגאַנג נור מיט איינלאַדונג.

אונזער מיטאַרבייטער און חבר

פּרץ קערש

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען ביילייד צוליב'ן טויט פון זיין פאַטער

יוסף נ"ע

„נייער פאָלקסבלאַט".

דאַנקזאַגונג.

די אַלע, וועלכע האָבען אָפּגעגעבען דעם לעצטען כּבוד מיין ליבען מאַן, אונזער טייערען פאָטער

ג. ע.

מרדכי אלימלך גראָסמאַן

און בעזונדערס דער פערוואַלטונג פון מאַגאַזין־שניידער־מייסטער־פעראיין אל. 1. מאי און אויך די ה"ה מאיר צאַריצקי און יוסף טוכשערער דריקען אויס דעם אינניגסטען דאַנק.

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע. 1279

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס דער פאַמיליע גראָסמאַן צוליב'ן טויט פון אונזער מייסטער

מרדכי אלימלך

די אַרבייטער: יוסף, הערשל, נחמן, אברהם.

האַנדוועקער=פעראיין

אגראַדאָווא 9.

צו אונזערע מיטגלידער — פריזיער־מייסטער!

צוליב'ן פעראַט פון פריזיער פעראיין פאַלוזדניאָווא 4, רופען מיר אייך צו קומען היינט, 8.30 אין אָוונט אויף

אַ וויכטיגע פערזאַמלונג

קיינער טאָר נישט פעהלען.

אַכטונג, מענער־מאַגאַזין־שניידער! היינט 8 אין אָוונט — אַ וויכטיגע פערזאַמלונג.

די פערוואַלטונג.

לעכער מאַשינאָווא

ווערען אָנגענומען אויסצוניהען צו ביליגע פרייזען

ביי ג. נאָרדמאַן

29 צעגעלניאַנאַ 29

Koledze memu **Salkowi Birnbaumowi** z powodu zgonu Jego

**B. P. OJCA**

wyrażam szczere współczucie **Hela Szylisówna.**

